# אינהאַלט-פערצייכניס:-

ארטיקעל — פּיידזש

1. נאָמען און שפּראַך — 11
2. מיטינגען — 11
3. בעאַמטע — 13
4. דעם פּרעזידענט'ס פליכטען — 14
5. דעם וויס-פּרעזידענט'ס פליכטען — 17
6. דעם טרעזשורער'ס פליכטען — 17
7. דעם פּראָטאָקאָל-סעקרעטאר'ס פליכטען — 18
8. דעם פינאַנס-סעקרעטאר'ס פליכטען — 18
9. פליכטען פון טראָסטים — 20
10. פליכטען פון חברה-קדישא — 21
11. פליכטען פון שמש — 22
12. פליכטען פון דער פרידענס און פינאַנס קאָמיטעס — 23
13. רעליעף — 24
14. פאָרשלאָג פון קאַנדידאַטען — 26
15. איינטריט-געלט פאר ערשטע קלאַס-מעמבערס — 30
16. צווייטע קלאַס מעמבערס — 30
17. ספּעשעל קלאַס מעמבערשיפּ — 31
18. בייטרעגע — 32
19. בענעפיטס — 32
20. פליכטען און פּריווילעגיעס פון ברידער — 37
21. בענעפיטס און פּריווילעגיעס פון אלמנה און יורשים — 39
22. שטראָפען — 40
23. אָרדנונג ביי מיטינגס — 44
24. אויפנאַמע פון געשטראָכענע מעמבערס — 46
25. אונפּייאינגע ברידער — 46

# היסטאָרישער איבערבליק.

## בני רעזיצע אַסאָסיאיישאָן

(אינקאָרפּאָריטעד)

פון ש. י. רובין

בדי צו בעקענען אונזערע מעמבערס מיט דער געשיכטע פון אונזער אָרגאַניזאַציע, ווי זי איז ענטשטאַנען און איהר ענטוויקלונג, ווערען די צייל'ען געשריבען.

איהר אָנפאַנג איז געווען דעם 18טען פעברואר, 1893, אין 107 אָרטשאַרד סטריט, ניו יאָרק, מיט זעהר א קליינע צאָהל מעמבערס.

דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען "חברה אנשי רעזיצע".

לאַנג אָבער אונטער דעם נאָמען האָט זי ניט עקזיסטירט, און אין א קורצער צייט נאָכדעם—אין יוני, 1896, זעגעלט זי אונטער א געענדערטען נאָמען:—"קאָנגרעגיישאָן בית לחם יהודא בני רעזיצע".

דער שטראָם פון איינוואַנדערונג נאָך אמעריקא, איז דאַן געוואָרען וואָס א מאָל שטאַרקער, און אין די נייי אָנגעקומענע האָט אָט די קליינע אָרגאַניזאַציע געפונען איהר מאַטעריאַל פון וואָס צו בויען איהר צוקונפט.

די נייי-אָנגעקומענע האָבען אין דער חברה

געפונען א פריינד און א וועג־ווייזער, אין זייער ערשטער צייט פון דאָ־זיין. דאָן, ווען די האָבען זיך "אויסגעגרינט" האָבען זיי אויך אויפ'ן זעלבען אופן מקרב געווען זייערע ערשט־אָנגעקומענע ברידער פון יענער זייט ים.

פאַמעליך איז זיך די חברה געוואַקסען סיי אין צאָהל מיטגליעדער און סיי אין קאַפּיטאַל און אייגענטום.

מיט דער צייט האָט זיך די אָרגאַניזאַציע א מנין נעגרינדעט, און דאָן מיט דער הילף פון זייערע פרויען א ספר תורה דערוואָרבען, און אין דער־זעלבער צייט, אויך א בית עולם אויף דער מאונט־זייאָן סעמעטערי.

גלייכצייטיג איז אויך א גמילת חסד געשאַפען געוואָרען. עס פונקציאָנירט אַלס א בעזונדערע קערפּער־שאַפט, אָבער אין אמת'ן ווערט עס בעטראַכט אַלס א טייל פון דער רעזיצער אָרגאַניזאַציע. נור מעמבערס פון דער רעזיצער סאָסייטי קענען דאָ בעלאַנגען און געלט באָרגען.

מעמבערס ווערען געהאָלפען מיט הלוואות וועלכע מען בעקומט אָהן פּראָצענט, און אין פריינדליך־ברודער־ליכען גייסט.

וואָס א מאָל שטאַרקער און גרעסער, ביז אין געוויסע יאָהרען האָט די חברה געהאַט איהר לאָקאָל און שוהל אין איינעם פון די גרעסטע זאַלען פון דער איסט־סייד, וועלכע פלעגט באַזוכט ווערען פון א גרויסען עולם, איבערהויפּט אום ימים־טובים און ימים־נוראים.

עס זיינען צוגעקומען נאָך ספרי תורה, און נאָך א סעמעטערי,—דאָס מאָל די "מאָונט לבנון".

די אַלטע קאָנסטיטושאָן האָט זיך שוין ניט נעפּאַסט צו די אומשטענדען, און א נייע איז אָנגענומען געוואָרען.



די גענעצע האָבען זיך אַלע מאָל אויסגעצייכענט מיט זייער יושר און ברידערליכען געפיהל.

ניט נור צו איהרע מיטגלידער אליין האָבען מיר זיך ברידערליך בעצויגען, נור די רעזיצער סאָסייטי האָט זיך אַלע מאָל וואַרעם אָבגערופען צו אַלץ וואָס איז גוט און נאָבעל, און עד־היום שטיצען מיר רעגעלמעסיג פאַרשיעד־ענע אינסטיטוציעס מיט דעם וואָס מיר זיינען דאָרט יעהרליכע מעמבערס.

גלייך נאָכ'ן פאַרענדיגען פונ'ם וועלט־קריג ווען קאָמוניקאַציע איז צוריק מיט דער אַלטער היים איינגע־שטעלט געוואָרען, איז אויף דער איניציאַטיוו פון אונזער אָרגאַניזאַציע א רעליעף קאָמיטעט אָרגאַניזירט געוואָרען. אַט די קאָמיטע האָט פאַר א לייגגערער צייט עקזיסטירט, פיעלע סומען געלט געזאַמעלט און אוועקגעשיקט קיין רעזיצע צו לינדערן די נויט פון אונזערע מלחמה־געטראָ־פענע ברידער מעבר לים.

א גרויסער טייל פון די געלט איז פון אונזער איינענער קאַסע געגאַנגען. אונזערע מעמבערס זיינען געווען די סאַמע טעטיגסטע צו בעוועגען אַז אויך אנדערע לאַנדס־לייט זאָלען ניט אָבשטעהן פון טאָן זייער פליכט. און ביז היינטיגען טאָג האָבען מיר ניט אָבגעבראָכען דעם מנהג פון צו שיקען קיין רעזיצע מעות חטים יעדען יאָהר.

די פרויען פון אונזערע ברידער זיינען אויך ניט הינטערשטעליג געבליבען. פאַראַן אסך גוטע ארבייט און ניצליכע צו טאָן, האָבען זיי געגרינדעט די "יאָנג לײדיס' אויקזילערי" פון דער רעזיצער סאָסייטי. אָנגעהויבען האָבען דאָס א פּאָר געצעהלטע שוועסטער, און ביי היינטיגען טאָג טוען זיי וואונדערליכע ארבייט מיט דעם

וואָס זיי שטיצען ליידענדע און נויטבעדערפטיגע. זייער מעמבערשיפּ האַלט כסדר אין וואַקסען.

די "אויקזילערי" ווערט אויסגעצייכענט פּערוואָל־טעט, און אונזער אָרגאַניזאַציע איז שטאָלץ מיט זייער טעטיגקייט.

אונזערע ברידער האָבען זיך וואָס אַ מאָל מעהר בעפעסטיגט אין לאַנד, און פון זייער ערשטען ווינקעל אין דער איסט־סייד, האָבען זיי זיך צושפּרייט איבער גאַנץ גרייטער־ניויאָרק. דער אומשטאַנד, ווי אויך דער פאַקט דאָס דער עלטערער דור האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז פאַרשווינדען פון דער סצענע—האָט שלעכט געווירקט אויף אונזער קאָנגרעגיישאָן. עס איז געקומען אויף אַזוי ווייט, דאָס אַ מנין אויף שבת אָדער אפילו ימים־נוראים איז געוואָרען נים צו דערווייזען.

נאַטירליך דאָס האָט געמאַכט דעם עקזיסטענץ אַלס אַ קאָנגרעגיישאָן איין אוממעגליכקייט.

דער וואוקם פון מיטגלידער האַלט אָבער כסדר אין שטייגען, קיין עין הרע, און די סאָסייטי געפינט פאַר נויטיג צו שיצען איהרע מעמבערס און פאַמיליעס מיט קרקע לאחר מאה שנה. צוליעב דעם איז געקויפט געוואָרען אַ גרויס שטיק פּלאַץ אויף דער "דגל הרבנים סעמעטערי", וועלכע וועט מיט ג' הילף בלייבען ליידיג אויף אַ לאַנגע צייט.

די אומשטענדען האָבען זיך אויך אויף אַזוי ווייט געביטען, אַז פּיעלע ביי־לאָס, האָט מען געמוזט ענדערען.

מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבען די בעוועגונג צו ענדערן דעם נאָמען און אַמענדירען די קאָנסטיטוציע פון דער אָרגאַניזאַציע.



נאָך אַסך ספּעציעלע מיטינגען בעזוכט פון גרויסע צאָהלען מעמבערס, איז די זאַך גרינדליך ארום גערעדט געוואָרען. אַ ספּעציעלע "קאָנסטיטושאָן־קאָמיטיי" איז בעשטימט געוואָרען, און נאָך אַ משך פון מעהר ווי 6 חדשים, איז אַ נייע קאָנסטיטוציע ראַטיפיצירט געוואָרען, און דער נאָמען איז געענדערט געוואָרען אויף "בני רעזיצע אַסאָסיאיישאָן", אינק.

ביי דעם יעצטיגען מאָמענט ציילט אונזער אָרגאַניזאַציע אַ גרויסע צאָהל מעמבערס (כן ירבו), אַ גאַנץ היבשען קאַפּיטאַל אין רעזערוו און רעליעף פאָנד, דריי (3) בעצאָלטע סעמעטערים, און אַ גוט פּערוואַלטעט גמילת חסד.

דער נאָמען איז געענדערט, די קאָנסטיטושאָן אַמענדירט,—די אָרגאַניזאַציע בלייבט אָבער די זעלבע פיינע, אָרענטליכע און אידישע, און אונזער הייליגער פּרינציפּ:—

"ואהבת לרעך כמוך" — "ליעב דיין חבר ווי זיך אליין".

מיט ג' הילף אויף לאַנגע יאָהר!

# בעאמטע

א. באסין — — — — — — — — — — — — — פרעזידענט
י. העלד — — — — — — — — — — — וויס-פרעזידענט
י. קירזנער — — — — — — — — — — — — טרעזשורער
א. שאפירא — — — — — — — — — — פינאנס-סעקרעטאר
מ. קיט — — — — — — — — — — — פראטאקאל-סעקרעטאר
א. ראזענבערג — — — — — — — — — — } טראסטיעס
פ. קאהען — — — — — — — — — — — }
מ. לעפקאוויץ — — — — — — — — — — — — — שמש

# קאנסטיטושאן קאמיטע

י. העלד — — — — — — — — — — — — — — טשערמאן
י. שאפירא — — — — — — — — — — — — — — קאונסעל
ש. י. רובין — — — — — — — — — — — — — רעדאקטאר

| | |
|---|---|
| א. באסין | ה. גאלדבלאט |
| י. קירזנער | א. ראזענבערג |
| מ. מאלטינסקי | ד. גודאוויץ |
| ע. שאפירא | ב. קאהען |
| א. שאפירא | ד. קירזנער |
| ד. לעמפערט | א. מעדניצקי |

# קאנסטיטושאן
## און ביי־לאוס

פון די

## בני רעזיצע אסאסיאיישאן
אינקארפארייטעד

ארגאניזירט דעם 18טען פעברואר 1893
אינקארפארירט דעם 8טען דזשולײ 1935

Fischein Press, Printers and Linotypers,
965 Myrtle Ave., Brooklyn, N. Y.

1936

# STATE OF NEW YORK

## DEPARTMENT OF STATE

ALBANY

IT IS HEREBY CERTIFIED THAT THE

## Certificate of Incorporation

of

# B'ne Rezitza Association, Inc.

was filed in this Department on the fifteenth day of July, 1935.

Witness my hand and the official seal of the Department of State at the City of Albany this 15th day of July 1935.

Edward J. Flynn

Secretary of State

# פ א ר ו ו א ר ט.

די שטרעבונגען פון דער סאָסייעטי זענען ווי פאָלגט:—

1) צו קולטיווירען פריינטשאפט צווישען אירע מיטגלידער און זייערע פאמיליעס דורך פאראנשטאלטען אונטערהאלטונגען און לעקציעס פון צייט צו צייט, דערמיט אָט די פריינטשאפט צו אנטוויקלען און דעם גייסטיגען צושטאנד פון דער מיטגלידערשאפט צו דערהויבען.

2) צו העלפען אירע מעמבערס מיט בענעפיט (געלטליך) ווען זיי זענען קראנק, און מיט שטיצע ווען אין נויט, ווי אויך מבקר חולה זיין ווען זיי ליגען קראנק צו בעט.

3) אַנוועזענד צו זיין בא גסיסה און בא יציאת־נשמה ר״ל, און דורכפיהרען לאחר פטירה די טהרה, לויה און קבורה כדין וכמנהג ליטא.

4) צו באצאָהלען די באערדיגונגס־הוצאות, ווי אויך שבעה־געלט און קעפיטאַ־טעקס געלט.

## ארטיקעל .1

### נאָמען און שפראך:—

1) די סאָסייעטי זאָל הייסען:
**בני רעזיצע אַסאָסיאיישאַן**, אינקארפאָרייטעד, און זאָל זיין אינקאָרפּאָרירט אונטער די געזעצען פון דעם סטייט־ניו יאָרק.

2) די סאָסייעטי זאָל קיינמאָל איהר נאָמען ניט אויפגעבען. אויב אירגענד אַן אָרגאַניזאַציע זאָל זיך וועלען אַנשמעלצען, מוזען זיי אַננעמען דעם נאָמען: "בני רעזיצע אַסאָסיאיישאַן, אינקאָרפּאָרייטעד".

3) די סאָסייעטי זאָל ניט אויפגעלייזט ווערען זאָלאַנג עס זיינען פאראַן זיבען (7) גוטשטייענדע מעמבערס וואָס ווילען עס אַנהאַלטען.

4) די ביכער פון דער סאָסייעטי קענען אין אידיש אָדער ענגליש געפיהרט ווערען.

## ארטיקעל .2

### מ י ט י נ ג ס :—

1) מיטינגס פון דער סאָסייעטי זאָלען איינגעטיילט ווערען ווי פאָלגט:— אין רעגעלע מיטינגס, ספּעשיל מיטינגס און דזשענעראַל מיטינגס.

2) רעגעלע מיטינגס זאָלען פאָרקומען צוויי מאָל אין מאָנאַט, חוץ שבתים און יום־טובים, און זאָלען זיך אַנפאַנגען ווינטער, 8 אוהר און זומער, 8:30.

3) ספעשיל מיטינגס קענען איינגערופען ווערען פון פרעזידענט ווען ער געפינט פאר נויטיג צו פאר־האנדלען א ספעציעלע אנגעלעגענהייט פון א ברודער, אדער בנוגע דער סאסייעטי.

ווען זיבען (7) גוטשטייענדע ברידער פארלאנגען שריפטליך פון פרעזידענט א ספעשיל מיטינג, אנגעבענדיג די אורזאכע, מוז ער באלד שריפטליך איינרופען א ספעשיל מיטינג פון אלע ברידער, מיט־טיילענדיג זיי דעם צוועק. די ברידער וואס האבען געפאדערט דעם מיטינג, מוזען אנוועזענד זיין. ווען ניט, זאל יעדער אבוועזענדער מיט איין דאלאר שטראפירט ווערען.

4) ביי א ספעשיל מיטינג קען נאר פארהאנד־עלט ווערען די אנגעלעגענהייט וועגען וועלכע דער מיטינג איז איינבערופען געווארען. אנדערע נויטיגע אנגעלעגענהייטען קענען מיט דער צושטימונג פון די ברידער נאכהער פארהאנדעלט ווערען.

5) דזשענעראל מיטינגס זאלען זיין:

די ערשטע מיטינגס פון די קווארטאלס יאנואר, אפריל, יולי און אקטאבער. ביי וועלכע די ערשטע איינצאלונגען פאנגען זיך אן. דער צווייטער מיטינג איז צווייטע איינצאלונג. און דער דריטער מיטינג איז לעצטע איינצאלונג. דער פערטער מיטינג אין קווארטאל איז שטרייך־אווענד. ביי וועלכע אלע מעמבערס מוזען אלע זייערע שולדען איינצאלען, זאנסט; ווערען זיי פון דער סאסייעטי געשטראכען.



6) איין מיטינג בעשטעהענד פון פרעזידענט, אדער וויס־פרעזידענט, אדער נעקסטען בעאמטען און דרייצען (13) גוטשטעהענדע ברידער זאל געזעצליך אנערקענט ווערען, און זיינע באשליסע גילטיג זיין.

7) ווען דער פרעזידענט ענטזאגט זיך, אויף דעם פארלאנג פון זיבען (7) גוטשטעהענדע ברידער איין ספעשיל מיטינג צו רופען, זאלען זיי זיך צום נעקסטען אפיסער ווענדען.

## ארטיקעל 3.

### ב ע א מ ט ע :—

1) די בעאמטע זאלען באשטעהן פון: פרעזידענט, וויס־פרעזידענט, טו עזשורער, פראטאקאל־סעקרע־טאר, פינאנס־סעקרעטאר און צוויי (2) טראסטיס.

2) אלע אפיסערס זאלען ערוועהלט ווערען אויף זעקס (6) מאנאט, אויסער שמש, וועלכער זאל ערוועהלט ווערען אויף א גאנץ יאהר.

3) עלעקשאנס זאלען פארקומען די לעצטע מיטינגס פון די קווארטאלען, דעצעמבער און יוני.

4) צוויי מיטינגס בעפאר עלעקשאנס, מוז דער פרעזידענט נאמינייש אנס ערעפנען. אלע ברידער מוזען שריפטליך איינבערופען ווערען.

5) דער קאנדידאט וואס האט מעהר וואוטס, ווערט ערוועהלט. ווען צוויי קאנדידאטען האבען איין

גלייכע צאהל שטימען, קען דער פרעזידענט מאכען די מעהרהייט מיט זיין וואוט. אויב ער האט נאך ניט געשטימט. ווען דער פרעזידענט וויל אבער זיין וואוט ניט געבען, אדער ווען ער איז אליין קאנדידאט, זאל גורל געווארפען ווערען.

6) צום נאמינײשאן און עלעקשאן, ווי אויך וואוטען זיינען נאר בארעכטיגט די ברידער וועלכע זיינען אנוועזענד.

7) בעאמטע, זאלען קיינע פארוואנדטע זיין.

8) אלע בעאמטע דארפען אינסטאלירט ווערען דעם קומענדען מיטינג נאך עלעקשאן.

9) ווען עס בלייבט נאר איין קאנדידאט אויפ'ן פעלד, זאל געשטימט ווערען דאפיר און דאגעגען.

10) קאנדידאטען קענען נאר פאר איין (1) אמט ערוועהלט ווערען.

11) אלע בעאמטע מוזען אין די ביכער גוטשטעהענד זיין.

## ארטיקעל 4.

### דעם פרעזידענט'ס פליכטען:—

1) פאר אינסטאלײשאן זאל דער ארויסגעהענדער פרעזידענט באשטימען א פינאנס-קאמיטע, פרידענס-קאמיטע און רעליעף-קאמיטע וועלכע זאלען דינען פאר די נעקסטע זעקס (6) מאנאט.



2) פינאנס און פרידענס-קאמיטעס זאלען באשטעהן פון דריי (3) מעמבערס יעדע, און די רעליעף-קאמיטע פון זיבען (7) מעמבערס. אויב די קאמיטעס אטענדען ניט זייערע פליכטען, קענען זיי בא א דזשענעראל-מיטינג, ענטלאסען ווערען און אנדערע אויף זייער ארט באשטימט ווערען.

3) דער פרעזידענט מוז ביי אלע מיטינגס זיין און די מיטינגס עפענען.

4) דער פרעזידענט זאל אונטער זיין שוץ, האלטען דעם טשארטער, זיגעל פון סאסייעטי, די באנק-ביכער און אלע אנדערע דאקומענטען.

5) דער פרעזידענט זאל זארגען דאפיר דאס אלע שולדען זאלען אין דער צייט קאלעקטעט ווערען דורכ'ן פינאנס-סעקרעטאר.

6) דער פרעזידענט האט צו פארזאגען אלע אפיסערס, וואס זיי האבען לויט דעם געזעץ צו טאן. דער פרעזידענט האט די רעכט צו יעדער צייט די ביכער פון דער סאסייעטי נאכצוזעהן.

7) דער פרעזידענט, מיט דער הילף פון וויים-פרעזידענט, האט דאס רעכט צו באשטימען קאמיטעס, אלע שטראפען אויסצושפרעכען, און צו געבען אנטווארט אויף אלע פראגען.

8) ביי א טויטען-פאל ר"ל, דארף דער פרעזידענט זיין ביז נאך דער קבורה, זעהן אז אלעס זאל געטאן ווערען כדת וכמנהג ליטא.

9) ווען איין ברודער איז קראנק, אדער זיצט שבעה ר"ל, מוז דער פרעזידענט איהם איין מאל אין וואך באזוכען.

10) ווען א גוטשטעהענדער מעמבער פארלאנגט דאס ווארט ביי א מיטינג, מוז דאס איהם דער פרעזידענט געבען. ווען דער ברודער רעדט אויסער ארדער, קען איהם דער פרעזידענט צו ארדער רופען.

11) ווען דער פרעזידענט מאכט א פארשלאג אדער ברייננט א קלאגע געגען א ברודער, אדער ווען א ברודער בריינגט א קלאגע געגען איהם; מוז ער דעם טשער פארלאזען, ביז די קלאגע איז ערליידיגט.

12) ביי אינסטאלליישאן פון נייעם פרעזידענט, מוז דער אלטער פרעזידענט איהם איבערגעבען דעם טשארטער און זיגעל, און אלעס אנדערעס. ווען ער וויל דאס ניט אפגעבען, זאל ער פון מעמבערשיפ געשטראכען ווערען, און די סאסייעטי זאל פון איהם געזעצליך אלעס אויפמאנען.

13) ווען דער פרעזידענט איז אפוועזענד און דער נעקסטער אפיסער פארנעמט זיין שטעלע, איז אלעס וואס ער טוט ביי אן אפענעם מיטינג געזעצליך, און דער פרעזידענט קען גאר ניט ענדערען.

14) אלע דאקומענטען און איינענטום פון דער סאסייעטי וואס געפינט זיך ביים פרעזידענט, זאל זיין



איינגעשריבען אין א רעקארד-בוך. ווען א נייער פרעזידענט נעמט איבער דעם אמט, זאל אלעס נאכ-געשטימט ווערען נאך דעם בוך; און זאל זיך אונטער-שרייבען אז ער האט אלעס ריכטיג ערהאלטען.

### ארטיקעל 5.

דעם וויים-פרעזידענט'ם פליכטען:—

1) דער וויים-פרעזידענט זאל זיין באהילפיג דעם פרעזידענט ביי יעדען מיטינג, און אין זיין אפוועזענהייט, זיין שטעלע פארטרעטען.

2) איינמאל אין וואך זאל ער א קראנקען ברודער אדער שבעה-זיצענדען ברודער, באזוכען.

3) ער זאל דעם פרעזידענט העלפען באשטימען קאמיטעס, און זאל זיין דער טשערמאן פון דער פינאנס-קאמיטע, אויך איז ער טשערמאן פון רעליעף-קאמיטע.

### ארטיקעל 6.

דעם טרעזשורער'ס פליכטען:—

1) דעם טרעזשורער'ס פלאץ איז ביים פינאנס סעקרעטאר.

2) ער דארף זעהן זארגען אז אלעס זאל ריכטיג און ראיעל אויסגעצאהלט ווערען.

3) ווען בילס ווערען פון מיטינג גוטגעהייסען, זאל ער און דער פרעזידענט די טשעקס אונטער-שרייבען.

4) ענדע מיטינג, זאָל ער די געלט וואָס ווערט איינגעקאָלעקטעט, די טראָסטיס איבערגעבען, אין באַנק צו דעפּאָזיטען.

5) ער, ווי אויך די טראָסטיס, זאָלען אונטער אַ באָנד שטעהן פאַר די זיכערהייט פון די סאָסייעטי־געלדער.

6) דער טרעזשורער זאָל אויך בּיי די אונטער־זוכונגען פון די פינאַנס־ביכער אַנוועזענד זיין.

## ארטיקעל 7.

פליכטען פון דעם פּראָטאָקאָל סעקרעטער:—

1) דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאר מוז בּיי יעדען מיטינג אַנוועזענד זיין, אַלע פארהאַנדלונגען נאָטירען און צום נעקסטען מיטינג איין פּראָטאָקאָל פאָרלעזען. ווען גוט געהייסען, זאָל עס פון פּרעזידענט אונטער־געשריבּען ווערען.

2) בּיי די ערעפענונג פון מיטינג זאָל ער די בעאַמטע־ליסט פאָרלעזען. ער זאָל אַלע קאָמיטעס שריפטליך איינרופען, אַלע שטראַפען ריכטיג פאַר־צייכענען, און די אורזאַכען פון זיי, ווי אויך נייע פאָרגעשלאָגענע קאַנדידאַטען אויפנעמען, און דעם פינאַנס־סעקרעטאר די איינצעלהייטען איבּערגעבּען.

## ארטיקעל 8.

דעם פינאַנס סעקרעטאר׳ס פליכטען:—

1) דער פינאַנס־סעקרעטאר מוז יעדען מיטינג



אַנוועזענד זיין און פיהרען אַ רעכענונג פון איננאַמע און אויסגאַבּע.

2) פאַר׳ן אויסצאָלען אירגענד וועלכע בּילס, מוז ער די נעמען, וועמען עס קומט די געלט פאָרלעזען, און אויך די סומען.

3) ווען דאָס ווערט גוט געהייסען פון פּרעזידענט און מיטינג, זאָלען דאַן, די צאָלונגען געמאַכט ווערען.

4) בּיי דעם דזשענעראַל־מיטינג, ווי אויך ווען זיבּען (7) גוטשטעהענדע בּרידער מיט דעם פּרעזידענט פאַרלאַנגען, מוז ער זיי רעכענונג געבּען.

5) בּיי יעדען דזשענעראַל־מיטינג זאָל ער אַ פינאַנס־בּעריכט פון לעצטען קוואַרטאַל פאַרבּריינגען, ער מוז אָבּער די צושטימונג פון קאָמיטע דערצו האָבּען.

6) ענדע יעדען מיטינג, מוז ער פאָרלעזען איננאַמע און אויסגאַבּע.

7) ווען ער גיט דעם טרעזשורער געלט, מוז ער פון איהם אַ רעסיט נעמען.

8) עטליכע טעג בּעפאָר אַ דזשענעראַל־מיטינג, זאָל ער אַלע מעמבּערס דורך פּאָסט, בּילס פון זייערע שולדען ארויס שיקען.

9) נאָטיץ פון מיטינג און זייערע צוועקען זאָלען פון איהם ארויסגעשיקט ווערען.

10) נאָך לעצטע איינצאַלונגען זאָל ער דעם פּרעזידענט מיטטיילען די נעמען פון די ריקשטעהענדע מעמבערס.

11) נאָך לעצטע איינצאַלונגען, זאָל ער די ריקשטעהענדע מעמבערס רעדזשיסטרירטע בּריוו שיקען.

12) ער זאָל אַ רעקאָרד פּון קראַנקע בּרידער האַלטען, ווי אויך קאָמיטעס זיי שיקען.

13) ווען דער פינאַנס־סעקרעטאַר קומט ניט צום מיטינג, זאָל ער בּאַשטראָפט ווערען: פאַר איין רעגעלען מיטינג מיט איין דאָלאַר. פאַר איין דזשענעראַל מיטינג מיט צוויי דאָלאַר, סיידען ער גיט אַ גוטען תירוץ.

14) דער פינאַנס־סעקרעטאַר זאָל בּאַצאָלט ווערען פאַר זיין אַרבּעט ווי עס וועט פון צייט צו צייט בּיי ספּעציעלע אָדער דזשענעראַל מיטינגס בּאַשטימט ווערען.

## ארטיקעל 9.

### פליכטען פון טראַסטים:—

1) די טראַסטים דאַרפען בּיי יעדען מיטינג זיין און אויספיהרען די אינסטרוקציעס פון פּרעזידענט. אַז עס זאָל אַלץ פאָרקומען אין גוטער אָרדנונג. זיי דאַרפען זעהן, אַז אַנוועזענדע זאָלען מיט סיטס בּאַזאָרגט זיין.



2) עס איז די פליכט פון די טראַסטים צו דעפּאָזיטען דער סאָסייעטי׳ס געלט אין בּאַנק, און אויך ציהען געלט פון בּאַנק ווען נויטיג, און איבּערגעבּען די בּאַנק־בּיכלאַך צום פּרעזידענט.

3) זיי מוזען אַנוועזענד זיין בּיי פינאַנס־בּיכער אונטערזוכונגען.

4) ווען טראַסטים ערפילען ניט זייערע פליכטען קענען זיי בּיי אַ ספּעציעלען מיטינג ענטלאַסען ווערען. און אַנדערע אויף זייערע ערטער ערוועהלט ווערען.

## ארטיקעל 10.

### פליכטען פון חברה־קדישא:—

1) די חברה־קדישא זאָל בּאַשטעהן פון ניט ווייניגער ווי צוועלף (12) בּרידער. וועלכע זאָלען ערוועהלט ווערען אויף איין יאָהר.

2) די חברה־קדישא מוז פיהרען אַ פנקס פון אַלע טויטענפעלע ר״ל, און מוז איינשרייבּען דעם נאָמען פונ׳ם פאַרשטאָרבּענעם, דעם דאַטום ווי אויך דעם מקום־קבורה.

3) יעדען יאָהר אין ט״ו כסלו זאָל די חברה־קדישא וועהלען גבּאים, טרעזשורער און סעקרעטאַר, און אַלעס אַריינשרייבּען אין פנקס.

4) ווען אַ מעמבּער איז ח״ו גוסס, זאָל געמאַלדען ווערען דעם גבּאי ראשון און ער מוז גלייך קומען. ווען ער געפינט פאַר נויטיג, זאָל ער לאַזען

אויפרופען די גאַנצע חברה-קדישא, כדי זיי זאָלען זיין בּיי יציאת-נשמה, ר״ל.

5) בּיי אַ נפטר ר״ל, האָט דער גבאי צו בּאַזאָרגען אַלעס וואָס מען דאַרף, און אַנזאָגען די מתעסקים וואָס זיי האָבּען צו טאָן.

6) דער גבאי דאַרף זיין דער ערשטער און לעצטער בּיי אַ טויטענפאַל ר״ל, און מוז אַלעס בּאַריכטען בּיי דעם קומענדען מיטינג.

7) יעדען יאָהר אום ט״ו כסלו זאָל די חברה-קדישא אויפ׳ן סעמעטערי אַרויספאָהרען, און זאָל ערהאַלטען 10 דאָלאַר פאַר אַ סעודה.

## אַרטיקעל 11.

פליכטען פון שמש:—

1) דער שמש דאַרף די פאַראָרדענונגען פון פּרעזידענט אויספיהרען בּיי מיטינגען, ווי אויך בּיי טויטענפעלע ר״ל.

2) בּיי מיטינגען דאַרף ער די קרעדענשעלס פון אַריינקומענדע קאָמיטעס דעם פּרעזידענט איבּערגעבּען, און דאַרף זיין דער וואַך בּיים אַריינגאַנג.

3) בּיי טויטענפעלע ר״ל, דאַרף ער אונטער דער פאַראָרדענונג פון פּרעזידענט און גבאי פון חברה-קדישא, אַנוועזענד זיין בּיי טהרת-המת, און אַטענדען אַלעס אויף דער סעמעטערי, לויט אונזערע אַנגענומענע מנהגים.



4) זיין געצאַלט זאָל רעגולירט ווערען פון צייט צו צייט בּיי ספּעציעלע אָדער דזשענעראַל מיטינגס.

## אַרטיקעל 12.

פליכטען פון דער פרידענס און פינאַנס קאָמיטעס:—

1) די פינאַנס קאָמיטע דאַרף אַלע פערטעל יאָהר, פאַר יעדען דזשענעראַל מיטינג, די פינאַנס-בּיכער אונטערזוכען, און אַ פינאַנס רעפּאָרט צום דזשענעראַל מיטינג צושטעלען.

2) די פרידענס קאָמיטע דאַרף זיין בּיי יעדען מיטינג. איהרע פליכטען זענען:— שלום צו מאַכען, אויבּ מעגליך, צווישען שטרייטענדע בּרידער איבּער סאָסייעטי-אַנגעלעגענהייטען, ווען אַ קלאַגע ווערט שריפטליך אַריינגעבּראַכט.

3) קלאַגען געגען בּרידער מוזען שריפטליך געמאַכט ווערען אין אַן אַנשטענדיגער שפּראַך, זאָנסט זאָל עס צוריק געוויזען ווערען. דער סעקרעטאַר דאַרף עס בּיים מיטינג פאָרלעזען, און ווען די קלאַגע ווערט אַנגענומען, ווערט זי איבּערגעגעבּען צו דער פרידענס קאָמיטע.

4) ווען די קאָמיטע קאָן קיין פרידען ניט מאַכען קען זי דעם שולדיגען פון איין דאָלאַר בּיז צען דאָלאַר בּאַשטראָפען, און זייער בּאַשלוס בּיים נעקסטען מיטינג בּאַריכטען. זי קען אויך די קלאַגע בּטל מאַכען.

(5) ווען די קלאגע איז געגען אן אפיסער, מוז דער אנגעקלאגטער פארלאזען דעם אפיס אין דער צייט וואס די קלאגע ווערט פארהאנדעלט.

## ארטיקעל 13.

## ר ע ל י ע ף :—

"צו רעליעף-פאנד" שטיצע זענען פריוויליגירט מעמבערס וועלכע זענען אין נויט. דער פאנד זאל פארוואלטעט ווערען ווי פאלגט:—

(1) דער "רעליעף-פאנד" זאל פארוואלטעט ווערען פון זיבען (7) גוטשטעהענדע מעמבערס, מיטן וויים-פרעזידענט אלס טשערמאן אריינגערעכענט, די קאמיטע ווערט אפפאינטעט אלע זעקס מאנאט ביי דעם ארויסגעהענדען פרעזידענט.

(2) אין א נויט-פאל, זאל דער ברודער באנאכריכטען פערזענליך (סיידען עס איז איהם אונמעגליך צוליב קראנקהייט), דעם פינאנס סעקרעטאר, וועלכער דארף אמשנעלסטען ווי מעגליך, א מיטינג פון דער קאמיטע איינבערופען, כדי דעם נויט-פאל צו פארהאנדלען.

(3) קיינער פון דער קאמיטע טאר דעם נאמען פון דעם נויטבאדערפטיגען, ניט ארויסגעבען, און די פארהאנדלונגען ניט פארעפענטליכען.

(4) די קאמיטע קען נאר ביז 15 דאלאר א יאהר שטיצען.



(5) די קאמיטע איז פארפליכטעט יעדען פאל, גרונטליך צו אונטערזוכען און באטראכטען.

(6) א מעמבער איז ניט בארעכטיגט צו שטיצע אין צייט ווען ער שטעהט אונטער קראנקען בענעפיט.

(7) ווען א פארוואנדטער פון דער קאמיטע ווענדעט זיך נאך שטיצע, מוז דער קאמיטע-מאן דעם רעליעף-מיטינג פארלאזען, און קען אין די פארהאנדלונגען, קיין אנטייל נעמען.

(8) אין אסיגנירען די סומע פון שטיצע, זאל עס דורך א "סיקרעט בעלאט" געשטימט ווערען.

(9) פאר פארעפענטליכען די פארהאנדלונגען פון א רעליעף-מיטינג זאל דער מעמבער פון דער קאמיטע ענטלאסען ווערען.

(10) ווען דער נויט-פאל פאדערט מעהר אלס 15 דאלאר שטיצע, מוז דאס אויף אן עפענטליכען מיטינג פון דער סאסייעטי, פארהאנדעלט ווערען. די רעליעף-קאמיטע זאל א פולשטענדיגען רעפארט אפגעבען וועגען דעם נויט-פאל, און אנגעבען איהר רעקאמענדאציע מיט וואס און וויפיעל צו העלפען.

(11) ווען א מעמבער פארלאנגט שטיצע אין דער פארם, אז ער רעכענט דאס צוריק צו צאהלען, זאל פון איהם א נאוט גענומען ווערען, און ווען די קאמיטע געפינט דאס פאר נויטיג, קען זי אויך דעם ענדארסמענט פון זיין פרוי פארלאנגען.

12) דער נאוט. זאל דעם פינאנס־סעקרעטאר איבערגעגעבן ווערען. ער זאל דעם חוב אין די ביכער נאטירען און דעם נאוט פון פארלוסט אפהיטען.

13) עס איז פארבאטען אויפצואווארפען א מעמבער ביי א מיטינג. אז ער האט שטיצע באקומען. פאר פארלעצען דעם געזעץ, זאל דער מעמבער באשטראפט ווערען לויט'ן באשלוס פון דעם מיטינג.

14) די געלדער פון פאנד. זאלען אין א באזונדערען אקאונט געפיהרט ווערען, און ביי יעדען פינאנס־באריכט, רעפארטעט ווערען.

15) די דיוס פאר'ן רעליעף־פאנד זאלען זיין 25סענט פער קווארטאל, און מוז געצאהלט ווערען ווי אלע אנדערע דיוס און טעקסעס.

## ארטיקעל 14.

### פארשלאג פון קאנדידאטען:—

1) יעדע פערזאן וואס ווינשט א מיטגליד אין דיזער סאסייעטי צו ווערען, זאל ניט וויינינגער ווי צוואנציג (20) יאהר אלט זיין. ער מוז קערפערליך און גייסטיג, געזונט זיין, דאס זעלבע די פרוי און קינדער ווען ער איז פארהייראט. ער מוז צום אידישען גלויבען געהערען. ער דארף הייראטען אדער פארהייראט זיין, לויט דעם אידישען געזעץ. ער דארף זיך אנשטענדיג אויפפירען אין דער פאמיליע און אין געזעלשאפט, און דארף אומשטאנד זיין זיך און זיין פאמיליע אנשטענדיג צו ערנעהרען.



2) א מעמבער'ס א זון, האט די פריווילעגיע צו 18 יאהר אריינצוקומען.

3) יעדער קאנדידאט מוז פון א גוטשטעהענדען מעמבער פארגעשלאגען ווערען, וועלכער מוז דעם קאנדידאט קענען אין אלע הינזיכטען. ער מוז אנגעבן דעם קאנדידאט'ס פולען נאמען, וואוינונג, באשעפטיגונג, עלטער און געבורטס־ארט. אויך אויב ער איז סינגעל אדער פארהייראט, און מוז 1 דאלאר פארשלאגס־געלט איינצאהלען.

4) די אלע איינצעלהייטען זאלען פראטאקאלירט ווערען, דער סעקרעטאר זאל עס פארלעזען פאר דער פארזאמלונג. דאן זאל א 3־ער קאמיטע אפפאינטעט ווערען — 2 פון פרעזידענט און איינער פון וויים־פרעזידענט — וועלכע זאלען דעם קאנדידאט'ס אומשטענדען אונטערזוכען, און צום נעקסטען מיטינג א באריכט ברייננגען, אויב ער איז פאסענד פאר מעמבערשיפ.

5) די קאמיטע איז פארפליכטעט דעם קאנדידאט צו פרעגען וועגען זיינע אומשטענדען, אויב ער האט באלאנגט צו אנדערע ארגאניזאציעס, און די אורזאכע פון זיין ארויסטרעטען. זיי דארפען איהםווארנען, דאס אין פאל, ער גיט אן א פאלשען סטייטמענט, ווערט ער צו יעדער צייט, ווען זיין פאלשקייט איבערצייגט זיך, אויסגעשלאסען, און זיין איינגעצאהלט געלט, ווערט ניט אומגעקערט.

6) ווען דער קאַנדידאַט ווערט באַריכטעט פון דער קאָמיטע אַלס גינסטיג פאַר מעמבערשיפּ, זאָל ער און זיין פרוי, ווען פאַרהייראַט, אין באַגלייטונג פון אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל פון פּרעזידענט אַפּפּאָינטעט ווערען, זיך ווענדען צום סאָסייעטי־דאָקטאָר, וועגען אַ געזונדס־עקזעמענייישאָן.

7) דער דאָקטאָר דאַרף די קאַנדידאַטען גרונטליך אונטערזוכען אין דער אַנוועזענהייט פון דער קאָמיטע, מיט דער אויסנאַמע פון דער פרוי. און שטעלען זיי אונזערע ספּעציעלע פראַגען אויף אונזער אָפיציעלען בלענק, וועלכער מוז פון קאַנדידאַט און זיין פרוי, אונטער געשריבען ווערען, ווי אויך פון דעם עקזאַמענירענדען דאָקטאָר און די קאָמיטע. און עס איבערגעבען דער קאָמיטע פאַר דער סאָסייעטי. דער קאַנדידאַט זאָל דעם דאָקטאָר צאָהלען פאַר אונטער־זוכען איין דאָלאַר פון אַ פּערזאָן, אין דאָקטאָר׳ס אָפיס.

8) ווען אַ קאַנדידאַט ווערט ערקלערט גינסטיג אריינצוקומען, און אין צייט פון 2 מאָנאַט ערשיינט ער ניט צום אויפנעמען, געהט זיין פאַרשלאַג־געלט פאַרפאַלען, און ווען ער וויל ווידער אריינקומען, מוז ער מיט אלע איינצעלהייטען אלס נייער קאַנדידאַט ערשיינען.

9) ווען נאָך דעם דאָקטאָר׳ס עקזעמינייישאָן ערקלערט איהם די סאָסייעטי פאַר גינסטיג אַלס מעמבער אריינגענומען צו ווערען, זאָל איהם דער סעקרעטאַר באַנאַכריכטען ווען צו איינפירונג צו קומען.



10) ביים אריינקומען, דאַרף איהם דער פּרעזידענט פאַר דער פאַרזאַמלונג פאַרשטעלען. ער זאָל איהם אַן איבערבליק איבער דער סאָסייעטי געבען, און אויפמערקזאַם מאַכען אויף זיינע פליכטען אלס אַ געטרייער מעמבער. איידער ער ווערט אַלס מיטגליד ערקלערט, זאָל ער אונזערע אַפּליקיישאָן־בלענק־פראַגען ענטפערען און אונטערשרייבען אין אַנוועזענהייט פון די טראָסטים, און זיין איינטריט־געלט און דיוס באַצאָהלען, דער אַפּליקיישאָן זאָל דער פאַרזאַמלונג פאַרגעלעזען ווערען, און ווען דער קאַנדידאַט באַשטעטינט זיין אונטערשריפט, זאָל איהם דער פּרעזידענט אלס מעמבער דערקלערען.

11) ווען אַ קאַנדידאַט ווערט צוריק געוויזען פון אויפגענומען צו ווערען, קען ער אַ צווייטען ווי אויך אַ דריטען מאָל פאַרגעשלאַגען ווערען. ווען ער ווערט אָבער צום דריטען מאָל צוריק געוויזען, קאָן ער מעהר ניט פאַרגעשלאַגען ווערען.

12) אַ נייער מעמבער קען בעפאָר 6 מאָנאַטען קיין בעאַמטער זיין, אויסער פינאַנס־סעקרעטאַר.

13) יעדער מעמבער מוז זיינע קינדער מל זיין. ווען עס געפינט זיך אויס דאָס ער און זיינע זיהן זענען ניט גע׳מל׳טע, זאָל ער אַן נאָטיס געשטראָבען ווערען.

## ארטיקעל 15.

אײנטריט-געלט פאַר ערשטע קלאַס-מעמבערס:—

1) די אײנטריט-געלט פאַר קאַנדידאַטען פאַר מעמבערשיפּ, זאָל זײן נאָך דעם עלטער פון יאָהרען ווי פאָלגט:—

פון 20 ביז 30 יאָהר אלט——— 2 דאָלאַר.
פון 30 ביז 35 יאָהר אלט———10 דאָלאַר.
פון 35 ביז 40 יאָהר אלט———15 דאָלאַר.
פון 40 ביז 45 יאָהר אלט———35 דאָלאַר.

2) קאַנדידאַטען פאַר מעמבערשיפּ, עלטער פון 45 יאָהר, ווערען אלס מעמבערס ערשטע קלאַס ניט אַנגענומען.

## ארטיקעל 16.

צווייטע קלאַס מעמבערס:—

1) צווייטע קלאַס מעמבערס זיינען באַגרעניצט אין זייערע פּריווילעגיעס. זיי זענען נאַר באַרעכטיגט צו קרקע, אויסריכטונג און באַערדיגונג עקספּענס, אַבער צו קיינע געלט-בענעפיטס.

2) אין פאַל פון טויט ר״ל, זאָל זיי דאָס רעכט געטאָן ווערען ווי מעמבערס פון ערשטען קלאַס.

3) אײנטריט-געלט צו צווייטען קלאַס מעמבערשיפּ, איז ווי פאָלגט: פון 45 ביז 50 יאָהר 50 דאָלאַר, פון 50 ביז 55 יאָהר 60 דאָלאַר.



4) עלטערע קאַנדידאַטען ווי 55 יאָהר, ווערען ניט אריינגענומען אלס מעמבערס.

5) צווייטער קלאַס מעמבערס זאָלען צאָהלען: ‎$2.50 א קווארטאל דיוס. זיי צאָהלען ניט קיין קעפּיטאַ-טעקס און קריגען ניט קיין קעפּיטאַ-טעקס, ווי אויך קיין אנדערע געלדליכע בענעפיטס, הוץ רעליעף, אין פאַל פון נייט.

## ארטיקעל 17.

ספּעשעל קלאַס מעמבערשיפּ:—

1) צו ספּעשעל קלאַס מעמבערשיפּ קענען באַלאַנגען יונגע, אונפאַרהייראַטעטע לייט פון 18 ביז 30 יאָהר אלט. זיי זענען באַרעכטיגט צו אלע בענעפיטס, חוץ קעפּיטאַ-טעקס. זיי צאָהלען ‎$1.50 פער קווארטאל דיוס און קיין אײנטריט-געלט.

2) אויב זיי הייראַטען פאַר 30 יאָהר, ווערען זיי ערשטע קלאַס מעמבערס. דאַן מוזען זיי צאָהלען ווי אלע ערשטע קלאַס מעמבערס, און קריגען אויך אלע בענעפיטס פון ערשטע קלאַס מעמבערס.

3) ווען א ספּעשעל קלאַס מעמבער ווערט 30 יאַר אלט, ווערט ער אַטאַמאַטיש אַן ערשט-קלאַסיגער מעמבער און מוז צאָהלען פולע דיוס.

4) צווייטער און ספּעשעל קלאַס קאַנדידאַטען ווערען פאַרגעשלאַגען און אויפגענומען אויפ׳ן זעלבען אופן, און מיט דער זעלבער פּראָצעדור ווי ערשטע קלאַס מעמבערס.

## ארטיקעל 18.

### פ י ט ר ע ג ע :—

1) יעדער מעמבער מוז צאהלען ניין דאלאר (9) א יאהר אלס דיוס, און איין דאלאר א יאהר פאר'ן רעליעף אין קווארטאל צאהלונגען. $2.25 פאר דיוס, און 25סענט פאר רעליעף, אויסער אנדערע איפלאגען ווי עס וועט ווייטער לויטען.

2) די סומע פון דיוס־צאהלונגען קען צו יעדער צייט געענדערט ווערען בא א דזשענעראל מיטינג.

## ארטיקעל 19.

### ב ע נ ע פ י ט ס :—

1) יעדער מעמבער וואס באלאנגט צו דער סאסייעטי מעהר אלס זעקס מאנאט און איז גוטשטע־הענד אין די ביכער, איז בארעכטיגט, ווען ער איז קראנק און אונפייאיג צו אטענדען זיין באשעפטיגונג צו 10 וואכען בענעפיט אין יאהר, (אין אויסנאמע, אונמאראלישע, כראנישע, אנשטעקענדע און עפידע־מישע קראנקהייטען), צו 5 דאלאר א וואך. דעם צווייטען יאהר פאנגט זיך אן ציילען פון דעם טאג וואס ער האט זיך לעצטען יאהר געמאלדען.

2) ווען א מעמבער ווערט קראנק, זאל ער שריפטליך מעלדען דעם פינאנס־סעקרעטאר, וועלכער זאל טעגליך, אויב מעגליך שיקען קאמיטעס איהם



צו באזוכען. אויך מוז דער סעקרעטאר דעם סאסייעטי דאקטאר מעלדען וועלכער זאל איהם באזוכען, און זיין אטעסט און קראנקהייטס־מיינונג צום נעקסטען מיטינג איבערגעבען. ווען דער אטעסט פון דאקטאר אין די ברידער לויטען, דאס ער איז באשעפטיגונגס־אונפייאיג, זאל איהם אויסגעצאהלט ווערען בענעפיט לויט די דערמאנטע רעגולאציעס.

3) בענעפיט ווערט געצאהלט נאר פאר פולע וואכען קראנקהייט.

4) אין פאל א ברודער ליגט קראנק אין האספיטאל, זאל איהם איין קאמיטע־מאן א וואך געשיקט ווערען. קיין דאקטאר אטעסט איז ניט נויטיג.

5) דער טאג פון וועלכען די וואך פאנגט אן, איז דער טאג ווען דער ברודער האט געמאלדען. דער טאג וואס ער מעלדעט זיך אפ, ווערט ניט גערעכענט.

6) ווען א גוטשטעהענדער מעמבער איז גוסס ר"ל, זאל צו איהם געשיקט ווערען שמירה. דאס גלייכען, צו א גוט שטעהענדען מעמבער'ס פרוי, אויסער א קינדפעטארין, די ערשטע צוויי וואכען.

7) ווען עס שטארבט א גוט־שטעהענדער ברודער ר"ל, איז ער בארעכטיגט צו אלע אויסריכטונגען — קרקע, לייכען־וואגען, קערידזש פאר דער פאמיליע און א מנין ביי דער קבורה, ווי אויך איבעריגע עקספענסעס אויף דער סעמעטערי.

וועלכע זאָל די סומע פון דריי דאָלאַר ניט איבער־טרעפען.

8) די פרוי פון אַ גוט־שטעהענדען ברודער, איז בּאַרעכטיגט צו קרקע, לייכען־וואַגען, קערידזש, צוויי מתעסקים און אַלע איסריכטונגען, אויך מנין אויפ׳ן סעמעטערי.

9) צום יאָהר, דאַרף אויף דעם קבר פון אַ ברודער אָדער זיין פרוי, שטעהן אַ מצבה. אויב קינדער אָדער פאַמיליע שטעלען ניט קיין מצבה, זאָל די סאָסייעטי דאָס שטעלען, און געבּרויכען די 50 דאָלאַר וואָס ווערט איינגעהאַלטען פאַר דעם צוועק פון די קעפּיטאַ־טעקס־געלט.

10) בּיים אויפדעקען אַ מצבה פון אַ מעמבּער אָדער זיין פרוי, זאָל אַמוויינינסטען, אַ צווייער־קאַמיטע אַנוועזענד זיין.

11) אין פאַל פון טויט ר״ל, פון אַ שוועסטער אַלמנה, איז אויב קינדער אָדער פריינד, ענטזאַגען זיך צו שטעלען אַ מצבה, זאָל די סאָסייעטי שטעלען אַ מצבה און ספּענדען אויף דעם בּיז 25 דאָלאַר.

12) ווען אַ מעמבּער שטאַרבּט ר״ל, זאָל יעדער מעמבּער, חוץ די וואָס זיינען ספּעציאל בּעפרייט, געטעקסט ווערען מיט איין דאָלאַר, און עס זאָל איבּערגעגעבּען ווערען צו דער אַלמנה אָדער די יתומים, אין אומגעפער, 90 טעג צייט. ווען אַ מעמבּער׳ס פרוי שטאַרבּט ר״ל, זאָל יעדער געטעקסט



ווערען, חוץ די וואָס זיינען ספּעציעל בּעפרייט, מיט 50 סענט און עס זאָל איבּער געגעבּען ווערען צו דעם מעמבּער.

13) פון די איבּענדערמאַנטע געלט, זאָל איינ־געהאַלטען ווערען 50 דאָלאַר בּיז אַ מצבה וועט געשטעלט ווערען.

14) ווען אַ מעמבּער זיצט שבעה נאָך אַ פאָטער אָדער מוטער ר״ל, מוז די סאָסייעטי איהם געבּען 5 דאָלאַר אויף אַ מנין.

15) בּיי פּטירה, לויה און קבורה פון אַ בּרודער אָדער זיין פרוי ר״ל, מוזען אַזוי פיעל מעמבּערס ווי מעגליך, אַנוועזענד זיין.

16) ווען אַ מעמבּער און זיין פרוי, ווילען אויף אונזער סעמעטערי ניט בּאַערדיגט ווערען, זאָל נאָר איין קאַמיטע געשיקט ווערען.

17) ווען אַ מעמבּער פאָרט אַפּ פון די יונייטעד־סטייטס און האַלט אָן זיינע צאָהלונגען, איז ער אַ מעמבּער אָן בּענעפיטס, בּיז ער קומט צוריק.

18) ווען אַ מעמבּער וואוינט אויסער ניו יאָרק ווייטער ווי 25 סענט רייזע, אַהין און צוריק, אָדער ער איז אָפּוועזענד פון ניו יאָרק, איז ער צו קיינע בּענעפיטס נימ בּאַרעכטיגט.

19) ווען אַ מעמבּער זיצט אַ פולע וואָך שבעה ר״ל, זאָל ער בּאַקומען 5 דאָלאַר שבעה־געלט, ווען

יום-טוב ברכת איבער די שבעה, באקומט ער ניט קיין שבעה-געלט.

(20) בעפאר 6 מאנאט איז א מעמבער און זיין פאמיליע בארעכטיגט נאר צו קראנקען-קאמיטעט און צו קרקע, אבער ניט צו קיינע אנדערע בענעפיטס.

(21) א מעמבער א סינגעלמאן, איז בארעכטיגט צו זיין חתונה צו א פרעזענט פון 5 דאלאר, דאס גלייכען, ווען מעמבער פארהייראט א קינד.

(22) בענעפיטס זאל געצאהלט ווערען, ווען עס וועט זיין אין קאסע אריבער 500 דאלאר. אויב אבער נאר 500 דאלאר גלייך, זאלען אלע בענעפיטס געסטאפט ווערען.

(23) צו די אלע דערמאנטע בענעפיטס און אונטערשטיצונגען, זענען בארעכטיגט נאר גוט שטעהענדע ברידער.

(24) מעמבערס וואס לײדען פון כראנישע און אונהיילבארע קראנקהייטען, לויט דער מיינונג פון סאסייעטי-דאקטאר, זענען נאר בארעכטיגט דעם ערשטען יאהר פולען בענעפיטס. דעם צווייטען יאהר האלב בענעפיטס, און דעם דריטען יאהר, 10 וואכען צו איין (1) דאלאר א וואך, ווייטער ניט מעהר.

(25) א ברודער וועלכער איז אין "אריער", איז בארעכטיגט צו קרקע, דאס גלייכען, זיין פאמיליע, אבער צו קיינע אנדערע בענעפיטס. (דעפיניציע פון "אריער" זעה ארטיקעל "שטראפען" פאראגראף 1.)



(26) קינדער פון מעמבערס זיינען בארעכטיגט צו דאס פאלגענדעס: זכרים ביז 18 יאהר אלט, אין פאל פון טויט ר"ל, זענען זיי בארעכטיגט צו קרקע און בעערדיגונגס-הוצאות, ווי אויך א קערידזש פאר דער פאמיליע. קינדער פון 12 ביז 18 יאהר אלט, זענען אויך צו א לייכען-וואגען בארעכטיגט. נאך 18 יאהר בעלאנגען זיי נישט מעהר צו דער סאסייעטי.

(27) א מעמבער'ס א טאכטער, בעלאנגט צו דער סאסייעטי, וואס אנבעלאנגט קרקע, אויסריכטונג, קערידזש, לייכען-וואגען ביז איהר הייראט.

(28) נאך די אלע, מוז א מצבה געשטעלט ווערען צום יאהר. אויב עלטערען אדער פריינד ענטזאגען זיך דאס צו טאן, זאל עס די סאסייעטי טאן אויף איהרע הוצאות, און זאל באוויליגען פאר דעם בא א מיטינג, לויט די אומשטענדען.

(29) ווען די צווייטע פרוי פון א מעמבער, האט קינדער פון ערשטען מאן, בעלאנגען זיי ניט צו דער סאסייעטי.

## ארטיקעל 20.

פליכטען און פריווילעגיעס פון ברידער:—

(1) יעדער ברודער איז פארפליכטעט צו באצאהלען זיינע בייטרעגע, אויפלאגען, טעקסעס און אז ווייטער, ביז צו דער לעצטער איינצאהלונג. דאס הייסט, ביז צום דריטען מיטינג אין קווארטאל,

צאָהלונגען ווערען אנערקענט און מוזען געמאַכט ווערען אין מיטינג־לאָקאַל.

2) יעדער מעמבער איז פאַרפליכטעט צו באַזוכען די מיטינגען פון דער סאָסייעטי אזוי אָפט ווי מעגליך, און אקטיוו באַטייליגען זיך אין דער אַרבעט צום וואויל און בעסטען פון דער סאָסייעטי, און איהרע בעאַמטע געהאָרכזאַם צו זיין.

3) יעדער ברודער איז פאַרפליכטעט אַלע גענעראַל און ספּעציעלע מיטינגען צו באַזוכען און קומען אין צייט. ווען ער קומט ניט, קען ער אויף די האַנדלונגען ניט פּראָטעסטירען.

4) יעדער ברודער איז פאַרפליכטעט ביי אַ טויטענפאַל ר״ל, פון אַ ברודער אָדער זיין פרוי, צו דער לויה קומען, צום אַנגעוויזענעם אָרט פון גבאי פון הברה־קדישא.

5) יעדער גוטשטעהענדער ברודער האָט דאָס רעכט ביי יעדער אָפּשטימונג צו שטימען.

6) יעדער מעמבער האָט דאָס רעכט צו פאַר־לאַנגען, דאָס זיין פאָטער און מוטער, שווער און שוויגער, זאָל איינגענומען ווערען אויף אונזער סעמעטערי, ווען זיי שטאַרבען. דער פּרייז זאָל באַשטימט ווערען ביי אַ טראָסטי־מיטינג פון אַלע בעאַמטע.

7) יעדער ברודער מוז דעם צווייטען רעספּעק־טירען און עהרליך האַלטען.



8) יעדער ברודער דאַרף זיך מיהען דאָס אין דער סאָסייעטי זאָל זיין שלום. די פּאַרטיי וואָס פאַר־לירט ביי די וואַהלען, זאָל צופרידען בלייבען און קיינע מחלוקת ניט מאַכען.

9) ווען ביי אַ מעמבער וואָס וואוינט אויסער גרייטער ניו יאָרק טרעפט אַ טויטענפאַל ר״ל, זאָל די פאַמיליע די לייכע צושטעלען ביז צו דער פערי, אָדער די גרעניצען פון גרייטער ניו יאָרק.

10) ווען אַ ברודער׳ס פרוי איז געשטאָרבען און דער ברודער האָט זיין קאַפּיטע־טעקס באַקומען, און דאַן געהייראַט אַ צווייטע פרוי, און וויל דאָס זי זאָל אונטער דער סאָסייעטי געהערען, מוז ער אַ מינימום פון 40 דאָלאַר איינטריט־געלט איינצאָהלען. זי מוז פון סאָסייעטי־דאָקטאָר עקזאַמינירט ווערען, און ווען זי שטאַרבט ר״ל, קומט איהר נאָר קרקע און עקספּענסעס. אָבער קיין קאַפּיטע־טעקס קומט איהם מעהר ניט.

ארטיקעל 21.

בענעפיטס און פּריווילעגיעס פון אלמנה און יורשים:—

1) ביז 60 טעג נאָך דעם מאַנ׳ס טויט, איז די אלמנה באַרעכטיגט צו אַלע בענעפיטס, אויסער שבעה, מנין און קראַנקען־בענעפיט. ווען אונטער־דעסען, שטאַרבט זי אָן קינדער, געהערט די ענדאַומ־ענט־געלט דער סאָסייעטי.

2) בענעפיט אדער ענדאָומענט-געלט זאָל דער אלמנה אדער די קינדער אָפּגעשיקט ווערען זאָגאר קיין אויסלאנד. זיי מוזען אָבער געזעצליכע פּאַפּירען צושטעלען פאר דער סאָסייעטי׳ס זיכערהייט וועגען.

3) נאָך 30 טעג, זאָל איהר דער פינאנס-סעקרעטאר אויפפאָדערען צו ערקלערען אויב זי וויל אלס מעמבערין פארבלייבען. ווען זי פארבלייבט אלס מעמבערין, איז זי ניט מעהר בארעכטיגט ווי צו קרקע און עקספּענסעס. זי מוז צאָהלען פולע דיוס ווי אלע מעמבערס, אָבער קיינע טעקסעס.

4) ווען א גוט שטעהענדער מעמבער שטאַרבט ר״ל, און ער האָט קיין פרוי איבערגעלאָזט, זאָלען די קינדער, זאָגאר פארהייראטע, קריגען די ענדאָומענט-געלט.

5) ווען דער גוט שטעהענדער מעמבער לאָזט איבער קינדער פון דער ערשטער פרוי און א צווייטע פרוי, זאָל דער קעפּיטאַ-טעקס צוטיילט ווערען האלב צו די קינדער פון דער ערשטער פרוי, און האַלב צו דער צווייטער פרוי.

## ארטיקעל 22.

### ש ט ר אָ פ ע ן :—

1) ווען א מעמבער באצאָהלט ניט זיינע שולדען אין דער סאָסייעטי ביז דער דריטער איינצאָהלונג, איז ער אין ״אריער״ ביז ער צאָהלט איין.



2) דער מיטינג נאָך דער דריטער איינצאָהלונג איז שטרייך-אָוועגד. די ניט באצאָהלטע מעמבערס זאָל רעדזשיסטרירטע בריוו געשיקט ווערען, און געוואָרענט ווערען, אז אויב זיי וועלען זייערע שולדען ניט באצאָהלען צום שטרייך-אָוועגד, וועלען זיי פון דער סאָסייעטי געשטראָכען ווערען.

3) אין אויסנאָם-פעלע, מעג דער שטרייך-אָוועגד מיטינג דעם שטרייך-אָוועגד אָפּלייגען אויפ׳ן קומענדען מיטינג, און אין מאַנכע, ספּעציעלע פעלע, קען דער מיטינג א מעמבער זיינע שולדען אָפּוואַרטען. אין אַזאַ פאַל, איז דער מעמבער אין דער צייט, ביז ער באצאָהלט אלע זיינע שולדען, אין ״אריער״ און זיינע בענעפיטס און פריווילעגיעס ווערען באַגרעניצט, ווי עס ווערט אין אנדערע טיילען פון דער קאָנסטיטושאָן ארומגערעדט.

4) ווען איין ברודער איז אַפּפּאָינטעד אין א קאָמיטע און ער אַטענדעט עס ניט, ווערט ער באַשטראָפט מיט 50 סענט.

5) פאר ניט אַטענדען און רעפּאָרטען קראַנקען-קאָמיטע, איז די שטראָף 50 סענט.

6) ווען א ברודער באַקומט נאָטיס צו הלוית-המת און ער קומט ניט, ווערט ער באַשטראָפט מיט איין דאָלאַר.

7) ווען א ברודער רעדט ביי א מיטינג אָן דער

ערלויבעניש פון פרעזידענט, ווערט ער באשטראפט מיט 50 סענט.

8) ווען א ברודער רופט דעם צווייטען "צו ארדער", אן דער ערלויבעניש פון פרעזידענט, ווערט ער באשטראפט מיט 50 סענט.

9) ווען א מעמבער ווערט פון פרעזידענט גערופען "צו ארדער", און ער פאלגט ניט, זאל ער באשטראפט ווערען, צום ערשטען מאל, מיט 50 סענט צום צווייטען מאל, מיט איין דאלאר, און צום דריטען מאל, באקומט ער ניט דאס ווארט, פאר 3 מאנאטען.

10) ווען א ברודער פארלאזט דעם לאקאל ביי א ספעציעלען אדער דזשענעראל מיטינג, אן דער ערלויבעניש פון פרעזידענט, ווערט ער באשטראפט מיט 50 סענט.

11) ווען א מעמבער מאכט פריוואט מיטינגען כדי צו שטערען דעם שלום פון דער סאסייעטי, זאל ער מיט דריי מאנאטען "אריער" באשטראפט ווערען.

12) ווען א ברודער פארקלאגט די סאסייעטי געריכטלאך, ניט בריינגענדיג זיין קריוודע פאר דער סאסייעטי פרידליך צו שליכטען, זאל ער פון מעמ-בערשיפ געשטראכען ווערען.

13) א ברודער וואס איז אן "אריער", קען נאר מאכען צאהלונגען ביי מיטינגען, אויב ער צאהלט איין צווישען מיטינגען, איז די צאהלונג ניט אין קראפט ביז דעם נעקסטען מיטינג.



14) ווען אן אפיסער ווערט אראפגעזעצט, אדער אן אנדערער ווערט געזעצליך צו עלעקשאן ערוועהלט, מוז ער אפגעבען אלעס וואס באלאנגט צו דער סאסייעטי, ווען ניט, ווערט ער געשטראכען און געריכטליך פארקלאגט. דאס גלייכען, מיט אן אפיסער פון חברה קדישא.

15) ווען עס געפינט זיך אוים, דאס א ברודער האט זיך געמאלדען פאלש, אלס קראנק אדער נויט-באדערפטיג, און דאדורך אויסגענארט געלט פון דער סאסייעטי, קאן מען איהם גלייך שטרייכען אן נאמים, עס מוז אבער קלארע באווייזע געבראכט ווערען.

16) ניט גע'מלט'ע, מארען אויף אונזער סעמעטערי ניט באערדיגט ווערען.

17) אפיסערס וואס אטענדען ניט זייער אמט 3 מאל בסדר, זאלען אנדערע אויף זייער פלאץ ערוועהלט ווערען.

18) פאר ניט ערשיינען צו א ספעציעל אדער גענעראל מיטינג, שטראף 1 דאלאר.

19) א מעמבער וועלכער איז געריכטליך פאר-אורטיילט געווארען פאר א קרימינעלען פארברעכען אין ענגליש **(Felony)** זאל פון דער סאסייעטי אויסגעשלאסען ווערען.

20) ווען א ברודער ווערט פון דער סאסייעטי אויסגעשלאסען פאר א פארברעכען, זאל ער מעהר ניט אריינגענומען ווערען.

21) גוטע ענטשולדיגונג, ווי אפוועזנהייט פון שטאט, א. ד. ג., זיינען גילטיג פאר שטראפען.

### ארטיקעל 23.

### ארדנונג ביי מיטינגס:—

1) דער פרעזידענט ערעפענט דעם מיטינג און אלע אפיסערס און מעמבערס פארנעמען זייערע סיטס אין ארדנונג. דאן לעזט דער פרעזידענט פאר דעם טאגעס-ארדנונג. צום טאגעס-ארדנונג, קענען די ברידער איינווענדונגען מאכען.

2) דער פראטאקאל-סעקרעטאר לעזט פאר די נעמען פון די אפיסערס און דעם פראטאקאל פון לעצטען מיטינג.

3) יעדער פארשלאג מוז פון א גוט שטעהענדען ברודער געמאכט ווערען, און מוז פון א גוט שטעהענדען ברודער אונטערשטיצט ווערען.

4) דאן מוז דער פרעזידענט דעם פארשלאג ערקלערען פאר די ברידער.

5) יעדער ברודער וואס וויל ריידען ביי דעם מיטינג וועגען סאסייעטי-אנגעלעגענהייטען, מוז פון פרעזידענט ערלויבעניש בעטען, און מוז אויפשטעהן פון פלאץ, ער מוז זיך אנשטענדיג אויפפירען און אנשטענדיג ריידען.



6) א מעמבער זאל מעהר ווי דריי מאל פון איין אנגעלעגענהייט, ניט ריידען.

7) ווען צוויי אדער מעהר ברידער ווילען ריידען האט דער פרעזידענט צו זאגען, ווער עס האט דאס ווארט.

8) יעדער גוט שטעהענדער ברודער, האט דאס רעכט פארצושלאגען שלום-דעבאטע.

9) ווען א ברודער רעדט, דארף איהם קיינער ניט אונטערברעכען, סיידען בא א פאינט אוו ארדער.

10) ווען א דעבאטע איז נעשלאסען, האט קיין ברודער אויסער די וואס האבען פריער פון פרעזידענט געבעטען דאס ווארט, דאס רעכט צו ריידען.

11) אלע שטראפען וואס קומען פאר ביי א מיטינג, מוז אין פראטאקאל-בוך פארשריבען ווערען, אוןביים נעקסטען מיטינג, פארגעלעזען ווערען.

12) ביי א דזשענעראל אדער ספעשעל מיטינג, מוזען אלע ברידער אנוועזענד זיין. בעפאר שליסען דעם מיטינג, מוז דער סעקרעטאר פארלעזען די ליסטע פון די מעמבערס און אפוועזענדע זאלען לויט׳ן געזעץ באשטראפט ווערען, סיידען די סאסייעטי וויל זייער שטראף נאכלאזען.

13) דער פרעזידענט האט רעכט, שטראפע נאכצולאזען, אבער שטראפע, וואס ער אליין לייגט ארויף, ניט די שטראף פון פרידענס-קאמיטע.

14) אלע פארהאנדלונגען זאלען געפיהרט ווערען לויט די אלגעמיינע פארלאמענטארישע רולס.

15) ענדערונגען און נייע ביי־לאָוס צום קאנסטיטושאן קענען געמאכט ווערען ביי ספעשעל און דזשענעראל מיטינגען.

### ארטיקעל 24.

### אויפנאמע פון געשטראכענע מעמבערס:—

1) א געשטראכענער מעמבער פאר געלט־שולדען קען ביז 6 מאנאט צייט זיך ווענדען צו דער סאסייעטי, צוריק א מיטגליד צו ווערען. אין אזא פאל, זאל דער סעקרעטאר אלע מעמבערס שריפטליך בענאכריכטען, און ביים מיטינג, זיין נאמען פאר־לעזען. דאן, ווען עס איז קיין אבדזשעקשאן ניטא, זאל ער באצאהלען אלע זיינע שולדען ווי אויך פאר זיין אפוועזענדער צייט, און דאן זיך מיט זיין פרוי איבערגעבען צום דאקטאר, ווען גינסטיג רעפארטעט, זאל ער אנערקענט ווערען אלס אלטער מיטגליד.

### ארטיקעל 25.

### אונפייאיגע ברידער:—

1) ווען א מעמבער, וועלכער איז 65 יאהר אלט, און איז א מיטגליעד אין דער אסאסיאיישאן 15 יאהר,



און ער גיט אן דאס ער איז פינאנציעל אונפייאיג זיינע בייטרעגע צו צאהלען, זאל זיין פאל פון א ספעציעלער אדווייזארי קאמיטע בעטראכט און אונטערזוכט ווערען. זיי זאלען אלע דעטאלען צום פאלגענדען מיטינג בעריכטען, און דער מיטינג קען איהם פון צאהלען זיינע בייטרעגע בעפרייען. אין אזא פאל קריגט ער קיינע בענעפיטס, אויסער קרקע און איסריכטונגען פאר זיך און די פאמיליע.

2) ער מוז קעפיטא־טעקס צאהלען, און נאכ'ן טויט ר"ל, איז זיין פאמיליע בערעכטיגט צו ענדאו־מענט ווי אלע גוט שטעהענדע מעמבערס.

---

דיזע קאנסטיטושאן און ביי־לאָוס זיינען איינ־שטימיג אנגענומען געווארען ביי א ספעציעלען מיטינג, יוני דעם 2טען 1935, און גוט געהייסען געווארען ביי א ספעציעלען מיטינג יוני דעם 8טען 1935.

די מיטינגען זיינען אבגעהאלטען געווארען אין דעם רעגעלען מיטינג־לאקאל פון דער אסאסיאיישאן, אין 98 פארסייט סטריט, ניו יארק סיטי.

דערמיט ווערען די פריהערדיגע קאנסטיטושאן און ביי־לאָוס דערקלערט פאר צוריקגעצויגען.

# STATE OF NEW YORK

## DEPARTMENT OF STATE

### ALBANY

IT IS HEREBY CERTIFIED THAT THE

## Certificate of Incorporation

of

# B'nei Rezitza Association, Inc.

was filed in this Department on the fifteenth day of July, 1935

Witness my hand and the official seal of the Department of State at the City of Albany this 15th day of July 1936.

Edward J Flynn

Secretary of State